בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

## דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶאט דִי זְכִיָּה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א בְּעֵת רַעֲוָא דְרַעֲוִין

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן, בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פו.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי שֶׁהָעוֹלָם הֵם מִקְּטַנֵּי אֲמָנָה, עַל־כֵּן הֵם צְרִיכִים לְתַעֲנִית, דְּהַיְנוּ עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת. כִּי בְּוַדַּאי יָדוּעַ, שֶׁאֶפְשָׁר לַעֲבֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל דָּבָר, כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַךְ מַה שֶּׁצְּרִיכִין לִפְעָמִים לַעֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, הוּא בִּבְחִינַת מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין עד:): בִּשְׁעַת שְׁמָד אֲפִלּוּ אַעַרְקְתָא דִּמְסָאנֵי יֵהָרֵג וְאַל יַעֲבֹר. נִמְצָא שֶׁאַף שֶׁבֶּאֱמֶת אֵין רָאוּי שֶׁיֵּהָרֵג עַל זֶה, אַךְ מֵחֲמַת שֶׁהוּא שְׁעַת שְׁמָד, וְהֵם מִתְגַּבְּרִים וְרוֹצִים דַּיְקָא לְהַעֲבִירוֹ עַל דָּת וְלַהֲבִיאוֹ לִכְפִירוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, עַל־כֵּן הוּא מֻכְרָח לִמְסֹר נַפְשׁוֹ אֲפִלּוּ עַל דָּבָר קַל. וְהָעֲבוֹדָה־זָרָה וְהַכְּפִירוֹת הֵם בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים קלה): אַף אֵין יֶשׁ רוּחַ בְּפִיהֶם - שֶׁאֵין בָּהֶם שׁוּם רוּחַ כְּלָל. וְהַקְּטַנֵּי־אֲמָנָה הֵם בִּבְחִינַת מִקֹּצֶר־רוּחַ, שֶׁהוּא כְּמוֹ מְמֻצָּע, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין לָהֶם אֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת מַאֲרִיךְ רוּחוֹ, כַּמּוּבָא בְּמָקוֹם אַחֵר (בְּלִקּוּטֵי א, סִימָן קנה), וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אֵינָם כּוֹפְרִים לְגַמְרֵי, שֶׁאֵין לָהֶם שׁוּם רוּחַ כְּלָל, רַק הֵם כְּמוֹ מְמֻצָּע, וְרוּחָם קְצָרָה, בְּחִינַת מִקֹּצֶר־רוּחַ. וְזֶהוּ (שְׁמוֹת ו, ט): מִקֹּצֶר־רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה - שֶׁמֵּחֲמַת שֶׁהֵם בִּבְחִינַת קֹצֶר־רוּחַ, מֵחֲמַת שֶׁהֵם קְטַנֵּי אֲמָנָה כַּנַּ״ל, עַל־יְדֵי־זֶה צְרִיכִין לַעֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת וּלְתַעֲנִיתִים כַּנַּ״ל. כְּמוֹ שֶׁבִּשְׁעַת הַשְּׁמָד שֶׁהִיא קִלְקוּל אֱמוּנָה לְגַמְרֵי, צְרִיכִין אֲפִלּוּ לִמְסֹר נַפְשָׁם מַמָּשׁ אֲפִלּוּ עַל דָּבָר קַל, כְּמוֹ־כֵן כְּשֶׁיֵּשׁ קַטְנוּת וּפְגַם בֶּאֱמוּנָה, צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת כַּנַּ״ל. וְיֵשׁ כַּמָּה בְּחִינוֹת בִּקְטַנֵּי אֱמוּנָה. כִּי יֵשׁ אֲפִלּוּ צַדִּיקִים שֶׁהֵם קְטַנֵּי אֲמָנָה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה מח:) עַל פָּסוּק: כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת - מִי גָּרַם לַצַּדִּיקִים וְכוּ׳.

[אִין אִידִישׁ: זָאלְסְט וִויסְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט וֶוייניג אֱמוּנָה, דַארְף עֶר פַאסְטְן אוּן טוּן שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדוֹת פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווייל דָאס וֵוייסְט דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): ״אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נִישְׁט אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען נִישְׁט טוּן, אִים צוּ כַאפְּן אוּן וַוייזְן אַז עֶר קֶען אִים נִישְׁט דִינֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן מִיר זָאלְן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; אוּן דָאס וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עד:): ״בִּשְׁעַת שְׁמָד אֲפִלּוּ אַעַרְקְתָא דִּמְסָאנֵי יֵהָרֵג וְאַל יַעֲבֹר״, אִין צַייט פוּן שְׁמָד דַארְף מֶען זִיךְ לָאזְן הַרְגֶ׳עֶנֶען אֲפִילוּ אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וִוי דָאס וָואס דִי גוֹיִם הֵייסְן גֵיין מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע שׁוּךְ בֶּענְדְל - דָאס אִיז צוּלִיב דֶעם וָואס אִיז דָא אַ גְּזֵרַת שְׁמָד, מֶען ווִיל אוּנְז אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אֲפִילוּ אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקֵייט. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: עֲבוֹדָה זָרָה אוּן כְּפִירוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן ׳קוֹצֶר רוּחַ׳, דֶערְפַאר, אֵיינֶער וָואס הָאט אַ ׳קוֹצֶר רוּחַ׳, דָאס הֵייסְט עֶר לֵייקֶענְט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער זַיין אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, זַיין אֱמוּנָה אִיז קְלֵיין - דַארְף עֶר טוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדוֹת, פוּן פַאסְטְן וְכַדּוֹמֶה, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ גְרוֹיסֶע אֱמוּנָה - עֶר דַארְף נִישְׁט טוּן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קַיין שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדוֹת. טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אוֹיס מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) מִקֹּצֶר־רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה: ׳מִקֹּצֶר רוּחַ׳ - ווִיבַּאלְד דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע אֱמוּנָה, ׳וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה׳ - דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶועֶרֶע עֲבוֹדוֹת].

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם וָואס

יְעדֶער אֵיינֶער זוּכְט צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע מַעֲשִׂים, יְעדֶער אֵיינֶער זוּכְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער דַארְף נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת ווייל עֶר וֵוייסְט אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יְעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר טוּט, יְעדֶע מִצְוָה, יְעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, וֶועט אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ זֵייעֶר גוּט וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מַיינֶע שׁוֹבְבִי"ם טֶעג אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיךְ פְלֶעג פַאסְטְן אוּן זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין קַאלְטֶע מִקְוָאוֹת וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס רִיקְט זִיךְ צוּם בֶּעסֶערוּנְג וְכוּ', בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַאן הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפֶּענְט אַ נַייעֶ וֶועלְט, דֶער רֶבִּי וַוייזְט מִיר אַז יְעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יְעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ וֶועט מִיר נֶענְטֶער בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וָואךְ אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיקְל אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ (דִיבּוּר הַמַּתְחִיל אוֹ יֹאמַר וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה), עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פָּסוּק וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה וְגוֹ'" (שְׁמוֹת ו, יב), מַה-דָאךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מִיר אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַּרְעֹה וֶועט זִיכֶער נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ מִיר, פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע וָואס אִיז דֶער קַל וָחֹמֶר, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (שָׁם, ט): "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ווייל זֵיי הָאבְּן שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט, אוּן דֶער טַעַם אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ בַּיי פַּרְעֹה?

עֶנְטְפֶערְט עֶר אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוָואלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, מִיטְ'ן זַיין עֶרְנְסְט, מִיטְ'ן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן צַעַר גָלוּת הַשְּׁכִינָה, וְכוּ', וְכוּ', זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט, מִיטְ'ן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יְעדֶע מִצְוָה, מִיט יְעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט.

הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צוּ דִי אִידְן, פַּרְעֹה אִיז נִישְׁט סְתָּם אַ קֶענִיג, נָאר עֶר אִיז אַ קְלִיפָּה, אוּן דֶער כְּלָל אִיז וֶוען מֶען ווִיל מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, ווייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ דַאן פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶערִיבֶּער זַייט פְרֵיילִיךְ מִיט אַייעֶרֶע מִצְוֹת, דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שִׂמְחָה, וֶועט צֶעפַאלְן דִי גַאנְצֶע קְלִיפָּה פוּן פַּרְעֹה, אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, זֵיי הָאבְּן ווַייטֶער גֶעוָואלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מִיטְ'ן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן צַעַר גָלוּת הַשְּׁכִינָה, וְכוּ', וְכוּ', דֶערְפַאר הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי" - דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִילְן זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט דִי גְאוּלָּה, זֵיי זוּכְן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, זֵיי ווִילְן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן צַעַר גָלוּת הַשְּׁכִינָה, אוֹיבּ אַזוֹי "וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה" - וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוָואלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מִיטְ'ן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן צַעַר גָלוּת הַשְּׁכִינָה, מִיט פַאסְטְן אוּן סִגּוּפִים, אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן צוּ זֵייעֶר מַנְהִיג מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יְעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט אָנֶעם זוּכְן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, דֶערְפַאר הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה" - וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶעס, מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת וִוי פַאסְטְן אוּן סִגּוּפִים, קַאלְטֶע מִקְוָאוֹת וְכַדּוֹמֶה, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יְעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט, אוּן גְלֵייבְּן אַז יְעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס אִיךְ טוּ, אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.